NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12838

""ER""

Kazimierz Przerwa-Tetmajer

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ק. טעטמאיער.

„בער“

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך“.

1921

ארויסגעגעבן דורך דער יידישער צענטר. שול-אָרגאַניזאַציע ווילנע.

13/16854

ק. טעטמאַיער.

„ער"

פרייס י. פ. ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"

[illegible]ריבגעגעבן דורך דער ייד. צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע.

[illegible]עצעריי פון דער יידישער צענטראַלער שול-אָרגאַניזאַציע, ווילנע 1921.

דרוקערײ ב. ציונסאָן און קאָמפּ., ווילנע, בראָקער גאַס 13.

א שווארצער, גרויסער, ריזיקער בער.

ער איז געבוירן און אויסגעהאָדעוועט אין טונקל-סמע-רעטשינער ווילד-פאַרלאָזענעם וואַלד ביי דעם באַרג פון הרובע וויערכי. אין דעם אור-אַלטן, ווילדן וואַלד קומט קיינמאָל די זון ניט אַריין—זי באַלייכט נאָר די שפּיצן פון די ביימער און קען זיך ניט דורכשלאָגן דורכן געדיכטן פלאָנטער פון די צווייגעפלאָכטענע צווייגן, אונטער וועלכע עס לויפן אום בלוטדאָרשטיקע וועלף, וואָס יאָגן זיך נאָך הירשן און הירשינס. ווילדע חזירים מאַכן זיך דאָ א וועג צווישן די קוסטעס מיט זייערע קרעפטיקע שטערנס. אונטער די אַלטע ביימער, אין דער טונקל, פלעגט זיך צווישן די קוסטעס שטיל דורכגליטשן ער מיט זיין גלאַנציקער פעל. ער פלעגט טראָגן מיט זיך די שרעק פון טויט-

אין איינעם פון די פרילינג־טעג האָט דער בער דערהערט שטימען. אומגעריכטע. ער האָט נאָך אזעלכע שטימען ניט געהערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרוואונדערט און זיך איינגעהערט. דאָס זיינען געווען טעמפּע קלעפּ איינע נאָך די אַנדערע מיט אַ מטונהדיקן ווידערקול. די קלעפּ האָבן זיך דערהערט אַלץ נעענטער. זיי האָבן זיך געטראָגן אַרויף פון טאָל. פּלוצלונג האָט דער בער דערזען מענטשן מיט העק אין די הענט. זיי האָבן פון רעכטן און פון לינקן זייט אָפּגעהאַקט די צווייגן פון די אַלטע, הונדערט־יאָריקע ביימער און געמאַכט פאַר זיך אַ וועג אין געדיכטן וואַלד. געגאַנגען זיינען עטלאַכע מענטשן. יעדערער האָט געהאַט איבערגעוואָרפן געווער איבערן פּלייצע און צוגעבונדן צו זיך געפּלאָכטענע קײשעלאַך מיט שפּייז. ביי יעדערן איז געווען אָנגעבונדן אָן פּאַס אַ שטיינוואַרפער מיט שטיינדלאַך.

דער בער האָט געקוקט אויף זיי בייז, מיט שרעקלאַכע אויגן. וואָס דאַרפן זיי דאָ? וואָס ווילן זיי? אים האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף זיי און צעפּליקן זיי און צעשליידערן אין אַלע רוחות, נאָר דאָך האָט אים עפּעס אַ מורא אָפּגעהאַלטן און ער איז געשטאַנען פונדערווייטן. ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים, האָט זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן אַ בייזער, כאַומדיקער ברום און ער איז אָפּגעטראָטן אין געדיכטעניש פון וואַלד. ער האָט זיך אויפגעזעצט, אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געשמעקט דעם ריח פון די מענטשן.

אין עטלאַכע טעג אַרום. די מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין וואַלד, האָבן אויסגעהאַקט אַ שטעג צום פעלד, וואו עס איז געוואַקסן שטשאַוו, בלומען, גרינס, וועלכער האָט געפינקלט פון געלע, גרינע, רויטע פאַרבן; דאָרט האָבן זיי צונויפגעטריבן אָקסן און שפּאַנען פון טאַדעס. די סטאַדעס האָבן באַגלייט גרויסע הינט, ענלאַכע צו וועלף. באַלד האָט מען זיך גענומען צו מאַכן אַ געצעלט פון שטיינער. איבער די שטיינער־ווענט האָט מען אַרויפגעקלאַפּט ברעטער. אויף די ברעטער האָט מען אַנגעלייגט קאָרע, מאָך, צווייגן. אויף דעם האָט מען אַרויפגעלייגט שווערע שטיינער, כדי דער ווינט זאָל דאָס ניט צעטראָגן.

אַרום דעם פעלד איז פוסט געוואָרן פון חיות. די הירשן און הירשינס, וואָס פלעגן זיך ביז דעמאָלט דאָרט פאַשען, האָבן זיך אָפּגערוקט טיפער אין וואַלד.

די וועלף פלעגן זיך צורוקן. ס׳האָט זיי געצויגן דער אויסזען און ריח פון די שעפסן און אָקסן, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די גרויסע הינט און פאַר די פאַסטוכער, וואָס וואַכן שטענדיק. די פאַסטוכער זיינען דאָך געווען באַוואָפנט מיט פייל און בויגנס, מיט שטיינווארפער און שאַרפע שטיינמעסער. מער האָבן זיי מורא געהאַט פאַר פייער, וועלכער האָט געברענט טאָג און נאַכט און ניט אויפגעהערט צו לייכטן.

פריער האָבן אויף דעמזעלביקן אָרט געוואוינט שטעכ־

האָריקע חזירים. איצט האָבן זיי אויסגעפּירט זייערע קליינע הזירימלאך ווייס פונדאנען. אַפילו די דרייסטע, אַ סך מאָל חוצפהדיקע, ווילדע חזירים האָבן זיך שוין מער צו דעם פלאַץ ניט דערנענטערט. זיי האָבן מורא געהאַט.

פון ווייטן, פון צווישן די אויסגעבויגענע סאָסנעס האָט דער בער אַרויסגעקוקט צום פעלד פון די פּאַסטוכער. דאָ אין וואַלד האָבן געציאוינס שלאַבע בערן. פונדאַנען פלעגן זיי אַרויסגיין אויף אָנפאַלן. דאָ פלעגן זיי אויך שלאָפן זייער ווינטער-שלאָף. אָבער אינגאַנצן פינסטערן סמערעטשינער וואַלד, און אפשר אויך אין די גאַנצע מאַטרען איז ניט געווען קיין מער שרעקלאַכער בער פאַר אים.

ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע, בלישטשעדיקע פעל, אַ גרויסן פלעק אַרום און אַרום האַלז. ווען ער פלעגט זיך אויפשטעלן אויף די הינטערשטע פיס, פלעגט ער אויסזען ווי אַ בוים.

און טאַקע ער האָט דער ערשטער דערשלאָגן אויף טויט אַן אָקס פון די פּאַסטוכער, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט. דער אָקס האָט זיך אַליין פאַרבלאָנדזשעט צווישן די געדיכטע סאָסנע-קוסטעס. דער בער האָט אים דאָרטן געפונען און טויט געשלאָגן אינמיטן העלן טאָג. זיין קלאַפּ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער אָקס איז פון ערשטן קלאַפּ געפאַלן טויט, ניט באַוויזנדיק אַפילו אַ ריטשע צו טאָן. גלייך אויפן שטעל האָבן די פּאַסטוכער גאָרניט באַמערקט, אַז דער אָקס פעלט. ערשט ווען די רויב-פייגל,

אָדלערס און שפּאַרבעס, האָבן זיך גענומען מאַכן אַ סעודה
פון טויטן אָקס, האָבן זיך די פּאַסטוכער געכאַפּט, אָבער
זיי האָבן שוין געפונען בלויז ביינער. זייענדיק דרייסט פון
דער ערשטער הצלחה איז ער אָנגעפאַלן אויף אַ צווייטן
אָקס פון דער סטאַדע. די? זיינען זיך אין שרעק צעלאָפן
ס זיינען, בילנדיק, אַנגעלאָפן די הינט. נאָך זיי זיינען געלאָפן
די אָקסנטרייבער מיט שטעכמעסערס אין די הענט. דער
בער האָט צעריסן דעם דרייסטסטן הונט, אַ שליידער געטאָן
אַ שטיין צו די מענטשן, אָבער דאָך אַנטלאָפן.

פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה. אויך
אַנדערע בערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרגנבענען צו
דער סטאַדע און אָנפאַלן אויף די שעפּסן. מער ווי שטענ-
דיק האָבן די פּאַסטוכער געמוזט וואַכן בייאַכט, ווייל די
חיות פלעגן זיך אַרויסגנבענען פון דער געדיכטעניש פון
וואלד. די הינט האָבן עפּעס אַזוי ווי ניט מיט זייער קול
געבילט. די וועלף פלעגן וואָיען פונדערווייטנס, ווי זיי
וואָלטן אָפּענספּערן די הינט. די פּאַסטוכער האָבן געהאַלטן
אַ מלחמה מיט די חיות, וואָס אויף דער ערד, און מיט די
רויב-פייגל פון דער לופטן, עס איז געווען אַ פאַרביסענע
מלחמה אויף לעבן און אויף טויט. די פּאַסטוכער האָבן שוין
דערקענט, אַז די דרייסטסטע אָנפאַלן, די גרעסטע שאָדנס
מאַכט ער — דער גרויסער בער מיט דעם גרויען צייכן.

ער איז געווען, ווי משוגע. ער איז געווען ביים אויף
די מענטשן און אויף די הינט. זיין כּעס פלעגט זיך נאָך

טער צעברעכען, ווען עס פלעגן אויסקיין טעג און עס פלעגט זיך אים ניט איינגעבן דערשלאָגן אן אָקס אָדער צעפליקן א שעפס.

פלוצלונג איז אריינגעפאלן א שניי. א דיקער. ער האָט איינגאַנצן פארדעקט די יאַגדעס, וועלכע האָבן שוין געבליבן צום צוזייטן כאָל. ער האָט פארדעקט די גראָז — ס'איז געוואָרן א הונגער.

ס'רויב פאסטוכער זיינען אפגעגאנגען אין די דער־פער מיטן מיין צוריקצוקומען אהערצו אויף פאשע, ווען דער שניי וועט צעגיין. געבליבן זיינען נאָר א פאָר פאסטו־כער מיט א סטאַדע שעפסן, וועלכע מען האָט פארמאכט אין א שטאַל און געקאָרמעט מיט היי, וועלכע מען האָט אָנגע־שניטן אין זומער. אויף שמירה זיינען געווען צווי הינט.

אין א פינסטערער פראָסטיקער, שניי און שטורעמדיקער נאַכט איז ער געקומען פון די וואַלד־פינסטערנישן, ווי א שטורעמווינט פון די וואָלקנס. ווי עס יאָגט זיך א שטראָם, אזוי האָט ער זיך געיאָגט צום שטאַל. די הינט זיינען ארויס־געלאָפן אנטקעגן אים. ער האָט אָבער אויף זייער זייט נאָרגיט געקוקט. זיי האָבן זיך אָפגערוקט און געבילט פונ־דערווייטן, מיט איין שפרונג איז ער אריבער דעם פארקאַן פון שטאַל און האָט זיך אריינגעלאָזט צווישן די שעפסן, וואָס האָבן יאָמערליך געבלעקעט און זיך צונויפגעשלאָגן אין א קופע. ער האָט געפליקט, געריסן, טויט געשלאָגן נאָך שנעלער, ווי מען קען רעכענען דעם א טראַכט טאָן. ער האָט

געטויט מיט די לאפּעס און געוואָרפן אהינטער זיך, ער האָט געטויט און געטויט, ווי ער וואָלט שיכור געוואָרן פון רציחה.

די פּאַסטוכער האָבן דערהערט די יאָמעריי פון די שעפּסן און בילן פון די הינט. זיי האָבן אָבער ניט געקענט לויפן צו הילף. זייערע פייער־האָלצשטעקעס האָט דער נאַסער שניי פאַרשטיקט, גיין אין דער פינסטער האָבן זיי מורא געהאַט און זייערע געשרייען האָבן אים ניט אָפּגעשראָקן

— ער... ער...— האָבן זיי געיאָמערט און ער האָט געווילדעוועט אין שטאַל, ווי עס ווילדעוועט א פייער אין א שייער, וואָס איז פול שטרוי און תבואה.

דורך דעם צובראָכענעם פּאַרקאַן האָבן זיך ארויסגעריסן די איבערגעבליבענע שעפּסן און זיך צעלאָפן אויף הונדערט וועגן, דער בער האָט אָנגעהויבן צו טרינקען די נאָך וואַרעמע בלוט פון די צעריסענע שעפּסן. ער האָט גענומען שלינגען די צעריסענע שטיקער פלייש צוזאַמען מיט דאָס פעל, וואָס איז געווען מיט בלוט באַגאָסן, צום סוף האָט ער נאָך א כאַפּ געטאָן א שעפּס און מיט עטלאַכע שפּרונגען איז ער־שוין געווען אין וואַלד.

אויף מאָרגן האָבן זיך געהערט איבערן גאַנצן פּלאַץ געשרייען און געוויינען. דער בער האָט דרייסיק שעפּסן געטויט, א סך האָבן אַוועקגעכאַפּט וועלף, א סך זיינען גלאַט פאַרפאַלן געוואָרן. ער האָט אויך אינגאַנצן חרוב געמאַכט די שטאַל. מיט געוויינען, שילטנדיק, זיינען די פּאַסטוכער

מיטן רעשט ביסל שפּײַז, וואָס זיי האָט זיך אײַנגעגעבן צונויפֿצוזאַמלען, אַנטלאָפֿן אין דאָרף. זיי האָבן פֿאַרמאַכט די איבערגעבליבענע שפּײַז אין אַ געצעלט, אים פֿאַרפּעסטיקט און פֿאַרשפּאַרט מיט פּלעקער און שטײנער.

אָבער ער איז געווען וואַך. נאָך אין דערזעלביקער נאַכט איז ער מיט זײַנע חברים בערן באַפֿאַלן דאָס געצעלט, פֿונאַנדערגעוואָרפֿן; די קלעצער, ברעטער און פּלעקער און געמאַכט אַזאַ סעודה, אַז דער גאַנצער טאָל אַרום און אַרום איז פֿול געוואָרן מיטן ריח פֿון די פֿאַרבלוטיקטע פֿלייש-שטיקער.

— ער... ער... ווידער ער... — האָבן געקלאָגט און געבייזערט זיך די פּאַסטעכער.

חוצפּהדיק און דרייסט פֿון זײַנע נצחונות האָבן די בערן אַזוי געמאַטערט די פּאַסטעכער סײַ בײַטאָג און סײַ בײַנאַכט, אַז פֿיל פֿון זיי האָבן שוין פֿאַרזאָגט צו קומען אַהער נאָכאַמאָל מיט סטאַדעס. „זײַן" לויב האָט זיך צעטראָגן ווײַט-ווײַט איבער די טאַטרען. ער האָט אָפּגעהאַלטן דעם נצחון. אין די פֿאַרוואָרפֿענע ווינקלען פֿון די „הוילע בוימערשפּיצן" 1) פֿלעגט ער שטיין בײַנאַכט אין גלאַנץ פֿון דער לבֿנה און פֿלעגט קוקן פֿונדערהייך אויף די פּוסטע טאָלן. ער איז געווען ענלאך צו אַ גרויסן, שוואַרצן פֿעלז. זײַענדיק אַליין, האָט ער זיך געפֿילט מעכטיק, אַז קיינער

1) אַ נאָמען פֿון אַ באַרג אין די טאַטרען.

איז ניט גלייך צו אים, ווי עס פילט זיך דער באַרג-ווינט, ווי עס פילט זיך דער דונער. ער פלעגט זיך אויסלייגן איבער די באַגולדטע, סאַמעטענע בערגלאַך און קוקן צו אים אין וואַלד אַריין. איינער אַליין איז ער דער מעכטיקסטער, ווי עס איז מעכטיק די פינסטערע שטילקייט פון אַ ווינטער-נאַכט, ווי עס איז שטאַרק דער ברענענדיקער פראָסט פון פרימאָרגן, וואָס פאַרגליווערט אַלץ אין אייז. די פוסטע, שווייגנדיקע וועלדער זיינען ווידער געוואָרן די מלוכה פון אים אַליין.

פאַרטראַכט פלעגט דער ריז בויגן און ברעכן די צווייגן, שפּאַצירן איבער די הויכע גרעזער, פון וועלכע עס פלעגט זיך אַרויסזען נאָר זיין שוואַרצער רוקן, וואָס עס איז געווען ענלאַך צו אַ שווער אָנגעלאָדענעם שיפל אויף די פרייע כוואַליעס...

פון אונטערשטן קשיוויין 2) האָט אַהערצו אין וואַלד פאַרבלאָנדזשעט אַ משוגע-ווילדער אָקס מיט גרויסע הערנער. דער אָקס האָט פלוצלונג דערזען ווי ער לויפט פון צווישן די הויכע אור-אַלטע ביימער. ער האָט אָנגעשטעלט זיין האַרטן שטערן מיט די שטויסנדיקע הערנער, האָט קורץ אַ ברום געטאָן און האָט ברייט צעשטעלט די פאָדערשטע פיס, איינשפאַרנדיק זיך מיט די הינטערשטע אָן דער ערד. ער האָט זיך אַזוי אָנגעשטעלט, ווי עס שטייט דער בריק, אין וועלכן דער פרילינג-אייז שפּאַרט אָן. שנעלער, ווי עס

2) פון אָרט אין די [illegible].



פאלט אַ בוים אין זאַוערוכע, איז געפאַלן דער בער אויף דעם ווילדן אָקס און אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיין לאַפּע איט אין רוקן. ס'האָט אַ שטורק געטאָן בלוט. ענלאַך צו צוויי לאַוויגעס באַרג־שטיינער, וואָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין איין טאָל, געיאָגט פון צוויי אַנטקעגנגעדיקע פעלזן־בערג זיי־נען זיי ביידע געווען. די שטיינער הייבן זיך אויף אין אַ וואַנט און דער ווידערקול פאַרהילכט די לופט, אַזוי האָבן זיי ביידע געברוטעט און זיך צונויפגעפלאָכטן אין אַ קאַמף. דער בער האָט אויסגעמיטן דעם אָקס שטערן און אַליין אַ ריס געטאָן פון זיין רוקן אַ שטיק פלייש, ווי עס רייסט אָפּ דער דונער אַ שטיק בוים פון שטאַם. זיי זיינען אָפּגע־שפרונגען איינער פון די אַנדערע און באַלד—צוריק זיך געלאָזן. איינגאַנצן פאַרבלוטיקט, האָט אָנגעהויבן דער אָקס מיט איטה צו אַנטלויפן, קלאַפנדיק מיט די קאָפּיטעס, ווי האַמערס וואָלטן קלאַפּן איבער דער ערד.

דער אַלטער וואַלד האָט שטיל, שווייגנדיק געקוקט אויף דעם קאַמף.

נאָכן שלאַכט האָט זיך דעם בער פאַרגלוסט זון. ער איז אַריבער דעם טאָל ניעפּצירקו *) און דאָרט געוואַרימט זיך אויף דער זון, ליגנדיק אונטער אַ בוים און קוקנדיק פון זיין שטאָלצער איינזאַמקייט אַראָפּ אין לאַנד פון די מענטשן. אונטן זיינען געווען באַרג־אָפּגרונטן און קליינע שפּאַרבער

*) אַ טאָל אין די טאַטרען־בערג.

האָבן אומגעפלאָטערט, וועלנדיק כאַפּן די זיבן־פאַרביקע שמעטערלינגען פון די פעלזן.

ס'איז אָנגעקומען דער ווינטער און מיט אים דער ווינטער־שלאָף פון בער. ער איז געשלאָפן אין קלינסקער טאָל. די מענטשן האָבן אַלץ גערעדט וועגן אים. עס איז זיי געווען אַ שאָד זיך ניט אומצוקערן אין דעם פּריבעטיקן, גראָזיקן פּשעמנאָסמערעטשינער וואַלד. אין זייער האַרץ האָט אויך געוואַכט דער געפיל פון נקמה פון בער.

אַז ס'איז געקומען דער פרילינג, האָבן זיך איבערן שטעג, וואָס פירט אין די וואַלדיקע בערג, אַוועקגעלאָזן אַ סך מענטשן באַוואָפנט מיט פייל און בויגנס, מעסערס, העק אין לאַפּעטעס אין די הענט און אויך ציינערדיקע אייזערנע שפּיזן מיט גראָבע קייטן.

דער בער האָט זיי דערזען. ווידער איז אים באַפאַלן אַ חשק צו וואַרפן זיך אויף זיי און צעשליידערן זיי איבער אַרבע רוחות, נאָר ווידער האָט עפּעס אַ מורא אים אָפּגעשטופּט אין וואַלד־געדיכטעניש. אָ, ווען עמיצער פון די מענטשן וואָלט זיך צו אים דערנענטערט, וואָלט אים אָנגעגריפן, וואָלט ער שוין יענעם אויף שטיקער צעריסן. אים האָט זיך געוואָלט קוקן אויף דעם מענטשן פון נאָענט, אויג אויף אויג: ער האָט אָבער ניט געוואַגט אָנצוגרייפן. ער האָט געפילט, אַז דער מענטש האָט עפּעס אַזאַ כוח, וועלכן ער פאַרשטייט ניט. דוכט זיך, ער וואָלט דעם מענטשן איבערגעבראָכן

צאָך גרינגער, ווי אַ צווייגל פון מאַלינעס, און דאָך האָט ער עפּעס מורא געהאַט...

עס זיינען ווידער געקומען די פּאַסטעכער מיט זייערע אָקסן און שעפּסן. איצט זיינען זיי שוין געווען מער אין צאָל, מיט מער אָקסן און שעפּסן. הינט האָבן זיי געבראַכט מיט זיך צוועלף. זיי זיינען געגאַנגען פריילאַך מיט געזאַנג, מיט מוזיק פון פייקלאַך, פייפיאַלן, גלעקלאַך און אַנדערע הילצערנע מוזיק-אינסטרומענטן, מיט וועלכע עס שפּילן די בערג-איינוואוינער פון די סאַטרען. זיי זיינען געגאַנגען מיט רעש, ווי זיי וואָלטן וועלן אָפּשרעקן דעם בער — זאָל ער וויסן, אַז זיי וועלן שוין זיך האַלטן היינ-טיקס מאָל אין סטעמנאָסמערעטשינער וואַלד. די ערשטע, וואָס זיינען איצט געקומען אין וואַלד, האָבן אויסגעגראָבן טיפע גריבער אין די שטיינערדיקע בערג, האָבן פאַרדעקט די גריבער מיט צווייגן, באַדעקט מיט מאָך. די אַריינצונאַרן די וועלף אין די גריבער. זיי האָבן אויך צוגעגרייט אייזערנע פאַסטקעס פאַר בערן.

אָבער באַלד דעם ערשטן טאָג איז ער ארויסגע-לאָפן פון צווישן די ביימער און באַפאַלן אַ גרויסן, גרויסן אָקס, אויף וועלכן ער האָט געוואָרפן אַן אויג. דער אָקס, דערזעענדיק די שרעקלאַכע חיה, האָט אָנגעהויבן צו ריטשען, האָט פאַרריסן דעם עק און גענומען אַנטלויפן. דער בער האָט אים דעריאָגט. ניט געקוקט אויף די דריי גרויסע

הינט, וואָס זיינען אַנגעלאָפן, האָט ער אים מיט עטלאַכע קלעפּ טויט געשלאָגן. עס זיינען אַנגעלאָפן נאָך צוויי הינט און זיבן אָקסנטרייבער. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אָקס און פאַרשוואונדן אין וואַלדגעדיכטעניש. ער האָט געגעבן זיי צו וויסן, אַז ער איז דאָ, אַז ער איז דאָ דער מלך. דאָס האָט ער געענטפערט די פּאַסטעכער אויף זייער פרייליכן אַריינקום אין זיין מלוכה.

אין אַ פינסטערער, רעגנדיקער נאַכט האָט ער באַשלאָסן אויפסניי צו באַפאַלן די שעפסן־שטאַלן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פעלד. פּלוצלונג אָבער, ווי ער איז אַרויס פון צווישן די ביימער, האָט אים דורכגענומען אַ מורא־דיקער ווייטאָג אין די זייטן און הינטערשטע פיס — דאָס האָבן זיך אין אים אַריינגעזעצט די שפּיציקע, לאַנגע אייזערנע ציין פון דער אונטערגעשטעלטער פּאַסטקע. ער האָט פון ווייטאָג אַ ברום געטאָן, אַריס געטאָן די פיס, אָבער די אייזנס האָבן ניט נאָכגעלאָזן און ס׳האָט זיך נאָך אים אַ שלעפּ געטאָן די גרויסע קייט מיט דער הילצערנער קלאָץ. ברומענדיק, האָט ער אָנגעהויבן זיך וואַרפן און רייסן, ניט קענענדיק צוריקגיין, ווייל די אייזערנע האַלבע קוילן, די קייט און די גרויסע קלאָץ האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן יעדער צווייג און סענק פון די ביימער.

דער בער האָט מנראדיק געברומט. די דערשראָקענע וועלף האָבן געוואָיעט. עס זיינען זיך אַנגעלאָפן אויפן אָרט

פון אומגליק הינט און האָבן מיט עקשנות געבילט. איבער זיי אַלעמען האָט זיך פאַמעלאַך געריקט די שוואַרצע רעגנ־דיקע נאַכט. פון צייט צו צייט נאָר פלעגט פון צווישן אָפגרונט און הימל אַרויסקוקן אַ מרה־שחורהדיקער שאָטן פון אַ פעלז, אַזוי ווי ער וואָלט נייגעריק געווען, וואָס עס טוט זיך דאָרט אונטן, וואו עפּעס לעבט, ווערט געבאָרן און שטאַרבט.

עס איז טאָג געוואָרן. איבערן טאָל האָט זיך צעגאָסן אַ בלייכע ליכט. באַלד זיינען פון די געצעלטן אַרויס די מענטשן מיט פייל און בויגן, שטעכאייזנס, שטיי־נערנע־וואַרפער אין די הענט און פאָרזיכטיק, מיט בילנדיקע הינט פאָרויס, זיך געלאָזן באַרגאַרויף. זיי זיינען באַלד געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. זיי האָבן דערזען אים. פאַרקלעמט פון דער אייזערנער פאַסטקע מיטן קיים און קלאָז, האָט ער זיך ווילד פון פאַרצווייפלונג און ווייטאָק אַרויס־געריקט פון צווישן די צווייגן פון אַ ריזיקן בוים. אַרום אים זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן ביימלאַך, וואָס ער האָט אַרויס־געריסן מיט די וואָרצלען, צווייגלאַך, אַרויסגעריסענע פעלזן, שטיינער. די מענטשן זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט, ביז וואַגנדיק צוצוגיין נענטער.

„ער". „ער".

פלוצלונג האָט זיך איינער איינגעבויגן, האָט אויפ־געהייבן אַ שטיין, האָט אָנגעצויגן זיין וואַרפער און אַ שליי־דער געטאָן. דאָס האָט באַלד נאָכגעטאָן אַ צווייטער. די איבעריקע האָבן אָנגעצויגן די פייל און בויגנס. אַ האָגל פון פיילן און שטיינער האָט זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף די צווייגן, ביימער און בער.

אַ פאַרבלוטיקטער, צוקאַליעטשעטער, מיט עטלאַכע פיילן אין קערפּער האָט זיך דער בער אַ לאָז געטאָן באַרג־אַראָפּ, כדי צו וואַרפן זיך אויף די מענטשן. ער איז צו־געשפּרונגען צו דער מחנה אָנפאַלער. צוערשט האָבן זיך אַ רוק געטאָן צוריק די הינט, קוים בילנדיק פאַר שרעק; נאָך זיי זיינען ווייט אָפּגעשפּרונגען די מענטשן. נאָר איין גוראַל *), אַ הויכגעוואוקסיגער און ברייטביינערדיקער, מיט אַ אייזנשפּיץ אויף אַ הילצערנעם פלעקל איז פאַרבליבן אויף זיין פּלאַץ. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם פלעקל אָן אַ שטיין און אָנגעשטעלט דעם שפּיז. שלעפּנדיק די אייזערנע פּאַסטקע, איז צו אים צוגעפאַלן דער בער. ווען ער איז שוין גע־ווען פון אים ניט מער ווי עטלאַכע טריט, האָט ער זיך אויפגעהייבן אויף די הינטערשטע לאַפּעס, כדי מיט דער פאָדערשטער דערלאַנגען דעם שונא אין קאָפּ, אָבער דאָ האָט ער זיך מיט זיין ברוסט אָנגעשטויסן אויף דעם שאַרף פון שפּיז...

*) אַזוי הייסט יעדער איינוואוינער פון די באַטרען.

דעמאָלט האָט ער באַוויזן אַ קוק צו טאָן פון דער נאָנט דעם מענטשן אין די אויגן. פלוצלונג האָט אַ האַק, וועלכער איינער פון די פאַסטעכער האָט געוואָרפן אין דער לופטן, אַזשום געטאָן און זיך איינגעשניטן ביים בער אין ביין צווישן די אויערן. באַלד האָט אים אַ צווייטער געטראָפן אין רוקן, אַ דריטער — אין איינע פון די פאָדערשטע לאַפעס. מען האָט אָנגעהייבן צו ווארפן שטיינער מיט די הענט. ער איז געפאלן. דער גוראל איז אָפּגעשפרונגען און באַלד זיינען אָנגעלאָפן די הינט און נאָך זיי — די מענטשן. דאָך האָבן נאָך אין זיין פיסק צוויי צעפלאַמטע, קודלאַטע הינט אַויסגעגעבן די נשמה מיט אַ מוראדיקן דומפן קוויטש.

די פיילן, די שפיזן, די שטיינער, וועלכע מען האָט אין אים געוואָרפן וואָס אַמאָל אַלץ נענטער, האָבן ביי אים אָפּגענומען אַזויפיל בלוט, אַז ס'איז אים אין די אויגן פינסטער געוואָרן און ער איז געבליבן אָן כוחות.

אַזוי ווי דורך אַ נעפל האָט ער געזען, ווי עס דערנענטערט זיך צו אים דער הויכער, ברייטביינערדיקער גוראַל, וועלכער האָט אים אונטערגעשטעלט דעם שפיז אונטערן ברוסט. דער בער האָט דערפילט אַזאַ קלאַפּ מיט אַ אייזן אין שטערן, אַז עס האָט אים אינגאנצן אויסגעטרייסלט און זיין קאָפּ איז אים געפאַלן אויף דער ערד.

דער-ששעמנאָסמערעסשינער האַלד אין סאָל איז באַ-
חערשט געוואָרן. זיין מוראדיק-גרויסע, פונאַנדערגעשפריי-
טע פעל האָט געסריקנט די זון.

צענטר. ייד. שול-ארגאניזאציע

אין ווילנע.

זשורנאַלן (אויסגאַבן פון צ. ש.-אָ., ווילנע).

„גרינינקע ביימעלעך“—2-חדשלעכער זשורנאַל [פאַר יינגערע קינדער; 2-טער יאָרגאַנג.

„דער חבר“—חדשדיקער זשורנאַל פאַר עלטערע קינדער

„די נייע שול“—פּעדאַגאָגישער זשורנאַל, 2-טער יאָרגאַנג

„שול און היים“—זשורנאַל פאַר עלטערן.

שול-ביכער:

די שול אין מערב-אייראָפּע און אַמעריקע.

פּראָפ. פּ. בלאָנסקי, יידיש א. גאָלדשמידט.

דער לערער, אַלס ערציאונגס-קינסטלער—ל. גורליט,

פון דייטש—יידיש מ. חיימסאָן.

לידער און שפּילן—א. בולקין און ל. עפראָן.

רואיקע שפּילן — א. בולקין

באַוועגלאַכע שפּילן—גאָלדבערג אַקון

ווי אזוי אָרגאַניזירט מען אַ קינדער-פּלאַץ—קריזשיצקי.

די יידישע פאָלקס-שאַפונג—ש. אַנ—סקי

באַדינקענטשאַפט—אַגראָנאָם קאַרישעס.

עלעקטרע—פּראָפ. גרעץ—איבערז. אינזש. אַקון.

חוץ דעם געפינען זיך אויסן לאַגער אַ גאַנצע ריי לייען-ביכער פון פאַרשיידענע פאַרלאַגן.

אדרעס: פּאָסט-קעסטל נומער 66.

צענטר. ייד. שול-אָרגאַניזאַציע

ווילנע.

קינדער-ביכער:

„די פאַרכישופטע קרעטשמע" פון דניאל טשאַרני

3 מעשהלעך „ דודל"

2 „ „ טאַטא טשאַרני

די געשיכטע פון א. ב. „ ש. ידידאָוויטש.

וואָלפגאַנג מאָצאַרט (זיינע קינדער-יאָרן)

לודוויק בעטהאָווען („) באַארבעט ש. ידידאָוויטש.

„ער" פון ק. סעטמאַיער—יידיש י. ב.

3 מעשיות פון בוך „שול-חברים"—דאַמיטשיס—יידיש ד—ל

מאַכט זיך אַליין א געצעלטל: האַרצל, טטאַב, בלאַס, בלום, פרוכט. פון כ. חיימסאָן.

י. ל. פרץ (זיין לעבן און זיינע ווערק) פון ז. רייזען.

י. דאָברושין — לידער.

חוץ דעם געפינען זיך: ייפן ביכער-לאַגער פאַרש. קינדער מעשהלעך און קינדער פיעסן פון אנדערע פאַרלאַגן.

אדרעס: פאָסט-קאַסטן נומער 66.

Wydawnictwo Żydowskiej
Centralnej Organizacji
Szkolnej w Wilnie.

אדרעס

Policyjna „Dom Oświaty",
Skrzynka pocztowa № 66.
Wilno.